**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 9/9/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול שרייבט אונטער לעגיסלאציע און הייבט אן די נייע אויפוואכונג קאמפיין צו פארמיידן זעלבסט-מארד און שטיצן גייסטישע געזונטהייט**

***די סטודענט לייפליין אקט פארלאנגט שטאט'ס 988 זעלבסט-מארד און קריזיס לייפליין צו ווערן געדריקט אויף קאלעדזש סטודענט ID (אידענטיפיקאציע) קארטלעך***

***5 מיליאן דאלער קאמפיין וועט הייבן אויפוואכונג פון 988 דורכאויס סאושעל מידיע, סטרימינג סערוויסעס, TV און קאלעדזש קאמפוסעס***

***נייע שטאטישע שריט גייען אן בשעת נאצעניאלע זעלבסט-מארד פארמיידונג מאנאט***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אונטערגעשריבן לעגיסלאציע און געמאלדן א נייע מאלטימידיע קאמפיין לענגאויס די שטאט צו העלפן פארמיידן זעלבסט-מארד און שטיצן גייסטישע געזונטהייט. לעגיסלאציע S1865B/A6563A — די סטודענט לייפליין אקט - פארלאנגט פון קאלעדשעס לענגאויס ניו יארק סטעיט צו דריקן אינפארמאציע איבער די שטאט'ס 988 זעלבסט-מארד און קריזיס לייפליין אויף אלע סטודענט ID קארטלעך. אין צוזאמענהאנג מיט זעלבסט-מארד פארמיידונג מאנאט אין סעפטעמבער, האבן די גאווערנער און די שטאט'ס אפיס פאר גייסטישע געזונטהייט (Office of Mental Health) אנגעהויבן א 5 מיליאן דאלערדיגע קאמפיין צו הייבן אויפוואכונג איבער 988, וועלכע איז אומזיסט, ווערט געהאלטן אין געהיים, אומפארטייאיש, און מען קען צוקומען דערצו אין יעדע צייט פון טאג אדער נאכט דורכ'ן פאון, טעקסט, אדער טשאט.

"די 988 זעלבסט-מארד און קריזיס לייפליין מיינט אז הילף איז אלעמאל דא צו באקומען, צו ס'איז פאר איינער וואס גייט דורך גייסטישע געזונטהייט אדער סובסטאנץ באנוץ קריזיס אדער ווייסט פון איינער וואס דארף הילף," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "בשעת מיר פייערן זעלבסט-מארד פארמיידונג מאנאט, מוזן מיר פארזיכערן אז אלע ניו יארקער זענען באוואוסטזיניג איבער די קריטישע הילפסמיטל און ווילן עס נוצן ווען זיי אדער ווען איינער וועם זיי קענען דארפן הילף."

די סטודענט לייפליין אקט, געשטיצט דורך סעניטאר סאמרא בראוק און אסעמבלי מיטגליד שרה קלארק, פארלאנגט אז אלע קאלעדזש סטודענט ID קארטלעך אין ניו יארק זאלן האבן אינפארמאציע איבער די 988 לייפליין ביז 2025. אונטער דעם געזעץ, מוזן קאלעדזשעס אויך געבן הילפסמיטלען פאר סטודענטס וואס זאל שילדערן ווען זיך צו באנוצן מיט די 988 נומער. א קאלעדזש וואס גיבט נישט ארויס קיין ID קארטלעך וועלן נאך אלס ווערן פארלאנגט אויסצוגעבן די 988 אינפארמאציע יעדעס יאר פאר סטודענטס דורך אנדערע מאטריאלן.

געפירט דורך די סטעיט'ס אפיס פאר גייסטישע געזונטהייט, וועט ניו יארק'ס 5 מיליאן דאלערדיגע פאבליק אויפוואכונג קאמפיין לענגאויס די שטאט האבן די סלאגאן, 'מיר הערן אייך אויס', און איז געצילט

צו מוטיגן מער ניו יארקער צו נוצן די סטעיט'ס 988 זעלבסט-מארד און קריזיס לייפליין ווען זיי אדער איינער וועם זיי קענען לעבט איבער א גייסטישע געזונטהייט אדער סובסטאנץ באנוץ קריזיס. אדווערטייזמענטס וועלן ווערן ארויפגעלייגט אויף מערערע פלאטפארמענס, אריינגערעכנט סאושעל מידיע, בילבארדס, איבער שילדן אויף קאלעדזש קאמפוסעס און ביי פייערונגען, בשעת ספארטס פאסירונגען, אויף טראדיציעניאלע טעלעוויזיע און ראדיא, און אויף אנדערע דידזשיטאלע פלאטפארמעס, אזויווי סטרימינג מוזיק און ווידיא סערוויסעס.

די קאמפיין וועט ענטהאלטן מערערע אדווערטייזמענטס וואס לייגן א דגש אויף אייגנארטיגע באפעלקערונגען וואס קענען בענעפיטן פון 988 אבער האבן נידריגערע אנערקענונגען פון די סערוויסעס אין פאקוס גרופעס. דאס רעכנט אריין ערשטע-רעספאנדירערס און העלט קעיר פראפעסארן, סקול-עלטער יוגנטליכע און קאלעדזש סטודענטן, און שווארצע, לאטיינישע און LGBTQ+ אינדיווידואלן.

**סטעיט אפיס פאר גייסטישע געזונטהייט קאמישאנער דר. אנן סאליוואן האט געזאגט,** "די בעסטע וועג צו פארמיידן זעלבסט-מארד איז צו בעטן הילף ווי פריער ווען איר פילט זיך אראפגעשלעפט, דעפרעסט, אדער פארצווייפלט. און איינע פון די מערסטע אפעקטיווע וועגן צו באקומען הילף איז דורך רופן 988 און רעדן מיט א טרענירטע קאונסלער און באקומען סיי וואספארא הילף איר דארפט נאר. גאווערנער האקול'ס אנגייענדע שטיצע פאר די קריטישע הילפסמיטל, ראטעוועט לעבנס אין אונזער שטאט."

**סטעיט סעניטאר סאמרא ג. בראוק האט געזאגט,** "גייסטישע געזונטהייט און סטרעס אפעקטירט קאלעדזש סטודענטן אויף א טיפע פארנעם - די סטודענט לייפליין געזעץ איז לעבנס-ראטעווענדע לעגיסלאציע וואס קען פארמיידן קריזיס פאר סטודענטן און זייערע פאמיליעס. מיר מוזן זיך צוהערן צו יונגע מענטשן ווען זיי זאגן אז זיי דארפן מער גייסטישע געזונטהייט סערוויסעס אין קאלעדזש. די לעגיסלאציע איז געפארעמט געווארן אלס א דירעקטע רעאקציע צו סטודענט פידבעק און א קריטישע געברויך צו לייגן יוגנטליכער'ס מיינונג אין די מיטן פון גייסטישע געזונטהייט געשפרעכן. מיט 988 אויף סטודענט'ס IDס, וועלן יונגע מענטשן האבן א דירעקטע פארבינדונג צו געטרייע פלעגונג. דאס איז א מאניומענטאלע נצחון פאר יוגנטליכע גייסטישע געזונטהייט אין ניו יארק סטעיט - איך בין דאנקבאר צו גאווערנער האקול פאר'ן פריאריטעזירן די געברויך צו אדרעסירן גייסטישע געזונטהייט קריזיס איידער עס פאסירט."

**אסעמבלימעמבער שרה קלארק האט געזאגט,** "זעלבסט-מארד איז די צווייט-גרעסטע גורם פון טויטן פאר קאלעדזש סטודענטן אין די פאראייניגטע שטאטן, און צופיל סטודענטן נעמען זעלבסט-מארד אין באטראכט, פרובירן זיך אליין צו טויטן, אדער ברענגען שאדנס אויף זיך אליין פון זייער אייגענע ווילן. ווען מען טרעפט זיך מיט די סארט געדאנקען, איז נויטיג אז סטודענטן לענגאויס ניו יארק זאלן זיין באוואוסטזיניג פון באלדיגע הילפסמיטלען. פארזיכערן די 988 זעלבסט-מארד און קריזיס לייפליין און די קריזיס טעקסט ליין אויף 741741 זענען אלעמאל גרינג צוצוקומען צו דורכ'ן זיי ארויפדריקן אויף סטודענט ID קארטלעך איז קריטיש וויכטיג. אלס א מאמע פון א יעצטיגע קאלעדזש סטודענט, ווייס איך ערשטהאנטיג די געברויך פאר מער גייסטישע געזונטהייט שטיצעס און איך בין מורא'דיג שטאלץ צו האבן אריינגעפירט און דורכגעפירט די סטודענט לייפליין אקט אין די אסעמבלי. א דאנק פאר אונזערע שותפים ביי SUNY, CUNY, קאלעדזשעס און יוניווערסיטעטן לענגאויס די סטעיט, און פאר יעדער וואס האט געהאלפן אויספארעמען און צוהעלפן מיט די געזעץ, און פאר גאווערנער האקול פאר'ן נעמען די קומענדיגע טריט מיט אונז צו פארזיכערן אז יעדע סטודענט אין ניו יארק ווייסט אז זיי האבן איינעם צו וועם זיי קענען זיך ווענדן."

געשטיצט אין אלע 62 קאונטיס לענגאויס די שטאט, געבט 988 א פארבינדונג מיט טרענירטע קריזיס קאונסלערס וואס קענען העלפן סיי ווער עס טראכט נאר איבער זעלבסט-מארד, פלאגט זיך מיט

סובסטאנץ באנוץ, גייט דורך א גייסטישע געזונטהייט קריזיס, אדער סיי וועלכע סארט עמאציאנעלע פלאגענישן צו באקומען פערזענליכע שטיצע, באקומען באלדיגע הילף און זיך פארבינדען מיט נאכפאלגונג סערוויסעס. די סערוויס איז אומזיסט, ווערט געהאלטן אין געהיים, איז אומפארטייאיש, און מען קען האבן צוטריט דערצו 24 שעה א טאג און זיבן טעג א וואך.

גאווערנער האקול'ס פיסקאלע יאר 2024 אקטיוון בודזשעט האט באדייטנד אויסגעברייטערט די מעגליכקייטן פון 988 קריזיס קאנטאקט צענטערס דורכ'ן אויפהייבן זייערע געלטער פון 35 מיליאן דאלער צו 60 מיליאן דאלער א יאר. איבער 478,388 רופן און 75,661 טעקסטס און טשאטס זענען דירעקט אנגעקומען צו ניו יארק 988 קריזיס קאנטאקט צענטערס זינט 2022, ארייננגערעכנט כמעט 77,000 רופן וואס זענען געקומען פון פריערדיגע סערוויס מיטגלידער וואס האבן האט זיך דירעקט פארבינדען דורך 988'ס איבערגעגעבענע וועטעראן'ס קריזיס ליניע.

סעפטעמבער ווערט אנערקענט איבער'ן גאנצן פאלק אלס א זעלבסט-מארד פארמיידונג מאנאט, געצילט צו אויפהייבן אויפוואכונג, עדיוקעישאן און שריט צו פארמיידן זעלבסט-מארד. די אנערקענונג איז מכבד די לעבנס וואס זענען פארלוירן געווארן צו זעלבסט-מארד, שטיצט די איבערלעבער פון זעלבסט-מארד פארלוסט, און אינפארסירט נאכאמאל ניו יארק סטעיט איבערגעגעבנקייט צו גייסטישע געזונטהייט און געזונטהייט פאר אלע.

זעלבסט-מארד האט גענומען די לעבן פון איבער 1,700 אינדיווידואלן אין ניו יארק אין 2022. עס איז די צווייטע גרעסטע גורם פון טויטן פאר אינדיווידואלן צווישן די עלטער פון 25 און 34 יאר, און די דריטע גרעסטע גורם פון טויטן פון יוגנטליכער און יונגע ערוואקסענע צווישן די עלטערס פון 10 און 24 יאר.

פריער די יאר, האט די שטאט געגעבן פינף קאנדישענעל באלוינונגען א סך הכל פון 15 מיליאן דאלאר איבער פינעף יאר צו העלפן קאמיוניטי-באזירטע סערוויס פראוויידערס צו אנטוויקלען אינאוואטיווע פראגראמען וועלכע וועלן העלפן פארמינערן זעלבסטמארד ריזיקע צווישען יוגענט פון היסטאריש אינטערגעגנדינטע געמיינדעס. די געלטער דורך די פארבינדען יוגענט צו גייסטישע הילף שטיצע פראגראמען וועט העלפן אנטוויקלן פראגראמען און זעלבסטמארד פארמיידונג סטראטעגיעס צווישען ראסע און עטניש מינאריטעט פאפולאציעס און LGBTQ+ גרופעס, אריינגערעכנט די אין דארפישע געגענטער.

די סטעיט האט זיך אויך נאכאמאל צאמגענומען די זעלבסט-מארד פארמיידונג טעסק פארס מיט'ן ציל פון בויען אויף די רעקאמענדאציע וואס איז געמאכט געווארן דורך די פריערדיגע. די רעקאמענדאציעס ענטהאלטן פארשטערקערן פאבליק געזונטהייט צוגענג, פארבעסערן געזונטהייט סיסטעם פעאיגקייטן, פארבעסערן דאטא סורוועילענס מעטאדן, און אריינגעבן קורטוריש פעאיגקייטן אין די סטעיט'ס זעלבסט-מארד פארמיידונג סטראטעגיע.

לעצטע יאר, האט די סטעיט אנגעהויבן א פינף-יאר 10 מיליאן דאלערדיגע באמיאונג וואס איז געשטיצט געווארן דורך די U.S. דעפארטמענט פאר געזונטהייט און יומען סערוויסעס' סובסטאנץ אביוז און גייסטישע געזונטהייט סערוויסעס אדמיניסטראציע (U.S. Department of Health and Human Services' Substance Abuse and Mental Health Services Administration) צו אדרעסירן גייסטישע און אויפפירונג געזונטהייט פראבלעמען צווישן יוגנטליכער, מיט'ן ציל צו פארזיכערן גלייכע צוטריט צו אונטערבאדינטע געמיינדעס. אין צוגאב, האט OMH (אפיס פאר גייסטישע געזונהייט) באקומען א פינף-יאר, 3.5 מיליאן דאלערדיגע פעדעראלע טיילונג אויסצוברייטערן די זערא זעלבסט-מארד מאדעל - א סיסטאמאטישע צוגאנג צו ארייננבאקומען זעלבסט-מארד פארמיידונג אין די העלט קעיר סיסטעם - צווישן 13 סערטיפייד קאמיוניטי אויפפירונג געזונטהייט קליניקס.

אין צוגאב צו די אינציאטיוון, גיבט די זעלבסט-מארד פארמיידונגס צענטער פון ניו יארק, וועלכע געפונט זיך אין OMH, טעכנישע הילף צו פארבעסערן די סטעיט'ס פארמיידונגס באמיאונגען און אפפערט אומזיסטע הילפסמיטלען וואס ווערן צוגעשטעלט ווען עס ווערט פארלאנגט. די צענטער גיבט אויך פולקאמע טרענירונג, מיט נאנט צו 194,000 ניו יארקער וואס ענדיגן זעלבסט-מארד-ספעציפישע קורס מאטריאלן זינט 2018.

די צענטער האט אנטוויקלט די CARES UP אינציאטיוו, א פארמיידונג באמיאונג געצילט צו שאפן א שטיצנדע סביבה צווישן פערזענליכקייטן מיט יוניפארמס וואו גייסטישע געזונטהייט איז א פריאריטעט. די 3 מיליאן דאלערדיגע OMH-געשטיצטע אינציאטיוו גיבט טיילונגען פאר 13 אגענטורן צו פארבעסערן זעלבסט-מארד פארמיידונג באמיאונגען און געזונטהייט פראגראמען פאר ערשטע רעספאנדירערס און מיליטערישע וועטעראנען.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן